**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/25/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוו צו טרענירן מיליטערישע מיטגלידער פאר קאריערעס אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע**

***VET S.T.E.P. קאריערע געניטשאפט פראגראם׳ וועט טרענירן סערוויס מיטגלידער פון איבער׳ן גאנצן לאנד און מיטארבעטן מיט אינדוסטריע פאר באשעפטיגונג געלעגנהייטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער דעפארטמענט פון די ארמיי האט באוויליגט דער וועטעראן סעמיקאנדוקטאר טרענירונג און ערפארונג פראגראם, אדער ׳.VET S.T.E.P׳ אלס אן עמטליכער קאריערע געניטשאפטן פראגראם, א טייל פון דעם דעפארטמענט פון דעפענס ׳סקילברידזש׳ נעטוואָרק די פראגראמען העלפן סערוויס מיטגלידער פון אלע צווייגן איבער׳ן לאנד אין זייער טראנזיציע פון דער מיליטער אריין אין ציווילע קאריערעס דורך באזארגן אינדוסטריע ספעציפישע טרענירונג, אינטערנשיפס און אנדערע ארבעט ערפארונג. .VET S.T.E.P׳ס אָטוריטעש צו מיליטערישע איינריכטונגען וועט דינען אויף אויסצושולן סערוויס מיטגלידער איבער די באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאראן, צייגן אז די פעאיגקייטן פון מיליטערישע טרענירונג און דיסציפלין קען אריבערגעפירט ווערן די צו די מייקראָ-עלעקטראָניקס פראדוצירער פעלד, און זיי באזארגן מיט אינדוסטריע ספעציפישע אָנבאָורדינג צו געבן אנטיילנעמער די געניטשאפט וואס זיי דארפן האבן אויף צו באקומען דעם דזשאָב.

״אין ניו יארק זענען מיט טיף אנטשלאסן צו שטיצן די דרייסטע מענער און פרויען וועלכע סערווירן און באשיצן אונזער לאנד, און מיר זענען שטענדיג דאנקבאר פאר זייער סערוויס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״היינט באשטעטיגן מיר אונזער אנטשלאסנקייט צו ניו יארק׳ס סערוויס מיטגלידער מיט ממשות׳דיגע שריטן, און די נייע .VET S.T.E.P פראגראם איז דער לעצטער ביישפיל פון אונזער ארבעטסקראפט אונטערנעמונגען וועלכע פאקוסירן אויף העלפן וועטעראנען געפונען באדייטנדע, לאנג-טערמיניגע באשעפטיגונג נאכ׳ן פארלאזן די מיליטער. דער נייער פראגראם וועט דינען אלס א מוסטער פאר די איבעריגע טייל פון דעם לאנד נאכצופאלגן, און וועלן שטעלן וועטעראנען אויף א וועג צו אן ערפאלגרייכע קאריערע און גלייכצייטיג פארשטערקערן די יו-עס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע.״

**NY CREATES פרעזידענט דעיוויד אנדערסאן האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך צו האבן איינגעפירט דעם נייעם .VET S.T.E.P איניציאטיוו, וועלכס וועט פארעהרן אקטיווע פליכט דינסט מיטגלידער און וועטעראנען דורך זיי צושטעלן געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע, באלוינענדע קאריערעס אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. די מענער און פרויען וועלכע דינען אונזער לאנד זענען טאלאנטפול, שוועַר-ארבעטנדע, און געטריי — אלע אייגנשאפטן וועלכע ווערן געזוכט דורך אלוועלטליכע אינדוסטריע פירער. .VET S.T.E.P וועט אנבאטן אן אויספירליכער טרענירונג און ערפארונג פראגראם וועלכס באהעפט וועטעראנען צו קאמפאניס און קאריערעס — און דאס איז א געווינס פאר יעדער וואס האט אין דעם א חלק.״

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״דער נייער .VET S.T.E.P פראגראם וועט שאפן נייע געלעגנהייטן פאר אונזערע וועטעראנען דורך באזארגן העכסט-נויטיגע געניטשאפטן וועלכע וועלן פארגרעסערן אונזער הייטעק ארבעטסקראפט, א הויפט שטאנדטייל צו מאכן וואקסן דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט. איך אפלאדיר אונזערע צוזאמארבעטער ביי NY CREATES פאר אנטוויקלען דעם אינאווירנדער פראגראם, וועלכס וועט פארזיכערן א שטארקע טאלאנט פליס פאר׳ן צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראנען׳ס סערוויסעס דירעקטארין וויוויאנא דעקאהען האט געזאגט,** ״ניו יארק בלייבט אנטשלאסן צו זיין דער בעסטער סטעיט פאר סערוויס מיטגלידער און וועטעראנען אויף אהיים צו רופן. א הויפט שטאנדטייל פון דעם איז די פעאיגקייט צוצושטעלן גוט-באצאלטע און סיפוק׳דיגע ארבעט פאר די יחידים. דער .VET S.T.E.P איניציאטיוו וועט זיין גאר א גוטע קוואל פון באלוינענדע ארבעט דורך צושטעלן קאריערעס פאר די וועלכע האבן אזויפיל געטון פאר אונזער סטעיט און לאנד.״

געוועגטליך טוען קאמפאניס אנבאטן ׳סקילברידזש׳ פראגראמירונג צו ערפילן זייערע ליידיגע דזשאָב פאסטנס. .VET S.T.E.P איז אייגנארטיג פאקוסירט אויף בויען אן עקא-סיסטעם, ארבעטנדיג מיט עטליכע אינדוסטריע צוזאמארבעטער באזירט אין ניו יארק סטעיט צו בויען א געניטע טעכניקער פליס פאר׳ן סטעיט און דער לאנד׳ס שטייגנדע סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. .VET S.T.E.P רעקרוטירונג וועט אריינברענגען מיליטערישע פערסאנאל פון לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, מיט איר הויפט באהעפטונג צו ׳פאָרט דראָם׳, און צושטעלן צוויי וואכן טעכניקער טרענירונג און דערנאך פלאצירט ווערן אין אן אכט-וואכיגע אינטערנשיפ מיט איינע פון די פארשידענע אינדוסטריע מיטארבעטער ביי NY CREATES.

.VET S.T.E.P׳ס טרענירונג, אנטוויקלט אין שותפות מיט מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש, וועלן געהאלטן ווערן ביי דעם אלבאני נענאָטעק קאמפלעקס. דארט וועלן די סערוויס מיטגלידער האבן צוטריט צו די מערסט פארגעשריטענע פובליק-באזיצטע לעבס אין די פאראייניגטע שטאטן, אן ארבעטנדע פאָונדרי, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע געצייג און אויפ׳ן ארטיגע אינדוסטריע צוזאמארבעטער.

דער ערשטער טרענירונג קלאס איז באשטימט פאר סעפטעמבער 2022. אין אנהייב זענען דריי גרופעס פון 12 סערוויס מיטגלידער ווערן פלאנירט אויף די קומענדע 12 חדשים. נאך דער פראגראם איז פולקאם אוועקגעשטעלט, וועלן פינף טרענירונג גרופעס טרענירט ווערן, און ביז 60 סערוויס מיטגלידער קענען געשטיצט ווערן יערליך. דער פראגראם ווערט פינאנצירט דורך דעם נאציאנאלן וויסנשאפט פאנדעישען, ערמעגליכן סערוויס מיטגלידער צו באקומען די טרענירונג בחינם. בעפאר .VET S.T.E.P האט NY CREATES אנגעבאטן ״מיני״ פארגעשריטענע פאבריצירונג טעכניקער וואורקשאָפּס צו ׳פאָרט דראָם׳ סאלדאטן און וועטעראנען. זינט 2016 זענען טרענירט געווארן 90 מיטגלידער.

יעדעס יאר טוען אומגעפער 200,000 מיטגלידער פון דער אמעריקאנער מיליטער, סטאנציאנירט אין איבער 140 מיליטערישע איינריכטונגען אין די פאראייניגטע שטאטן און אין אויסלאנד, זיך ארויסלאזן פון אקטיווע מיליטערישע דינסט. עס איז גוט באקאנט אז צופיל וועטעראנען ראנגלען זיך צו געפונען באדייטנדע באשעפטיגונג נאכ׳ן פארלאזן מיליטערישע דינסט. די דעפענס דעפארטמענט׳ס ׳סקילברידזש׳ פראגראמען שטעלן צו פאר סערוויס מיטגלידער וועלכע רעטייער׳ען אדער גייען אריבער צו זיך באטייליגן אין אינדוסטריע טרענירונג פראגראמען דורכאויס זייער לעצטע 180 טעג פון דינסט, און גלייכצייטיג דעקן די געהאלט און בענעפיטן פאר דעם סערוויס מיטגלידער.

.VET S.T.E.P איז אין נאענטע איינקלאנג מיט דער סטעיט׳ס אומוואקלדיגע אנטשלאסנקייט צו די וועלכע האבן געדינט און די איניציאטיוון וועלכע העלפן און שטיצן די איבער 714,000 וועטעראנען און

זייערע פאמיליעס וועלכע רופן ניו יארק סטעיט זייער היים. ווייניגסטנס 60 אייגנארטיגע סטעיט בענעפיטן זענען איצט צו באקומען פאר וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס, אריינגערעכנט בילדונגס בענעפיטן, און פריאריטעט צוטריט צו דזשאָבּ הי, צו האבן צוטריט צו סערוויס-באהאפטענע דיסאַבּיליטי פארגוטיגונג און נאך.

אויב איר זענט אינטערעסירט זיך צו באטייליגן אין .VET S.T.E.P, ביטע פארבינדט אייך קעיט אלקאט ביים alcottk@sunypoly.edu אדער באזוכט https://ny-creates.org/vet-s-t-e-p-semiconductor-training-experience-program/ פאר מער אינפארמאציע.

פאר מער אינפארמאציע אויף סערוויסעס צו באקומען פאר וועטעראנען אין ניו יארק סטעיט, ביטע באזוכט https://veterans.ny.gov/.

דער איניציאטיוו בויט אויף די גאווערנער׳ס שטארקע אנטשלאסנקייט צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג פאר הויכע-פארלאנג פעאיגקייטן. אין איר סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע, האט דער גאווערנער געמאלדן דעם ניו יארק סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, וועלכס וועט באאויפטראגט ווערן מיט פארבעסערן דעם סטעיט׳ס ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און פירונגען אויף זיך בעסער אויסצוגלייכן מיט די געברויכן און הויפט צילן פון היינטיגע ארבעטסגעבער. די גאווערנער האט פארשפראכן באדייטנדע מולטי-יעריגע פינאנצירונג צו שטיצן דעם אפיס, וועלכס איז באוויליגט געווארן אין עם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט, און א זוך איז איצט אונטערוועגנס אויף אויפצונעמען פערסאנאל אויף אוועקצושטעלן און איינפירן די סטעיט׳ס אמביציעזע באמיאונגען.

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״אונזערע סאלדאטן באשיצן שוין אמעריקע׳ס צוקונפט אויפ׳ן שלאכטפעלד, און איצט, א דאנק דעם .VET S.T.E.P פראגראם, וועלן ניו יארקער וועטעראנען קענען ווייטער אנהאלטן אמעריקע׳ס אלוועלטליכע פירערשאפט און נאציאנאלע זיכערהייט דורך גוט באצאלטע קאריערעס אין סעמיקאנדוקטאר פאבריצירונג הארט דא אין דעם עמפייער סטעיט. ניו יארק איז דער היים ארט צו אן ערשטראנקיגע ארבעטסקראפט, וועלכס דער פראגראם וועט מאכן נאך ווייטער וואקסן, אויף אריינצוטאפן אין דעם מייקראטשיפ אינדוסטריע געטריבן דורך מיין ׳יו-עס אינאוואציע און פארמעסטערישקייט אקט׳ און די היסטאריש 52 ביליאן דאלער אין פעדעראלע אינצענטיוון וואס איך האב אריינגערעכנט פאר אין-לאנדישע סעמיקאנדוקטאר פארשונג און פאבריצירונג. א דזשאָבּ איז איינס פון די וויכטיגסטע טיילן פון א וועטעראן׳ס אומקער צו ציווילע לעבן, און דער פראגראם וועט פארזיכערן אז אונזערע וועטעראנען ווערן נישט איבערגעלאזט פון הינטען און קענען באקומען די טרענירונג און געניטשאפט וואס זיי דארפן האבן פאר הצלחה אין זייער לעבן נאך די מיליטער און צו זיין א טייל פון שנעל-וואקסנדע אינדוסטריע אין דעם סטעיט.״

**סענאטאר קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״נאכ׳ן ווידמען יארן אויף צו דינען אונזער לאנד, פארלאזן צופיל וועטעראנען די מיליטער און מוטשען זיך צו טרעפן באדייטנדע באשעפטיגונג. VET .S.T.E.P איז אן אינאווירטע פראגראם וואס וועט העלפן וועטעראנען זיך אריבערציען צו ציווילע קאריערעס אין שטייגנדע געביטן און וועלן שפילן א הויפט ראלע אין אנטוויקלען טאלאנט פאר ניו יארק׳ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר ארבעט צו זען דעם פראגראם איינגעפירט בפועל, און אלס פארזיצער פון דער סענאט באוואפנטע סערוויסעס פערסאנאל אונטער-קאמיטע, וועל איך ווייטער קעמפן זיכער צו מאכן אז אונזערע ניו יארקער וועטעראנען האבן די שטיצע אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף זיך צו ווידער איינגלידערן אין ציווילע לעבן.״

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער האט געזאגט,** ״צוגרייטן אונזערע סערוויס מיטגלידער פאר קאריערעס אין מייקראָ-עלעקטראָניקס איז אן אויסגעצייכנטער באשלוס. אזוי ווי אונזער לאנד טוט ווייטער אינאווירן אין באנייבארע ענערגיע און טעכנאלאגיע, איז העכסט נייטיג פאר אונז צו בויען די

אינפראסטרוקטור וואס מיר דארפן בלייבן פארמעסטעריש איבער דער גאנצער וועלט. גאווערנער האוקול איז געווען א ריזיגע פירער אין האלטן ניו יארק ביים סאמע פארנט פון סעמיקאנדוקטאר אנטוויקלונג און פאבריצירונג, און איך קוק ארויס פארצוזעצן ווייטער צו ארבעטן מיר איר אינאיינעם.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע טוט אנבאטן אן אומגלויבליכע געלעגנהייט צו שטיצן אין-לאנדישע סופליי-טשעינס און טרייבן אמעריקאנע פארמעסטערישקייט, און אין דער זעלבער צייט שאפן גוט באצאלטע פראדוצירער דזשאָבס. איך ארבעט צו ליפערן די קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען ביי דעם פעדעראלען שטאפל, אריינגערעכנט קעמפן אויף צו פאראויס-פירן די היסטארישע ׳CHIPS פאר אמעריקע אקט׳ און מיין ׳מייקראָ אקט׳ אונטער׳ן ׳אמעריקע קאָמפּיעטס׳ אקט. די פיאנערישע טרענירונג איניציאטיוו היינט אויסגעמאלדן וועט אויך פאראויס-פירן דער אויפשטייגנדער אינדוסטריע אין אונזער ראיאן, און צוליב דעם בין איך שטאלץ געווען צו שטימען צו פינאנצירן דעם פראגראם אונטער אונזער לעצטער געלט-באשטימונג פעקל. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר ארבעט אין פארמיטלען דעם פראגראם וואס וועט פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע, און שטיצן אונזערע וועטעראנען.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״אלס א מיטגליד פון דער ׳האָוז באוואפנטע סערוויסעס קאמיטע׳, בין איך אנטשלאסן צו שטיצן אונזערע סערוויס מיטגלידער אויף יעדן טריט און שריט פון זייער קאריערע, און צוליב דעם טו איך שעצן גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו באזארגן די טרענירונג נייטיג צו פארזיכערן אן ערפאלגרייכע טראנזיציע אין ציווילע לעבן דורך .VET S.T.E.P ניו יארק. פארברייטערן דעם ׳סקילברידזש׳ פראגראם אויף אריינצורעכענען ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אין קריטיש-וויכטיגע סעמיקאנדוקטאר טעכנאלאגיע וועט בויען ניו יארק׳ס ראיאנישע עקאנאמישע ווידערשטאנד-פעאיגקייט און מאכן אונזער געגנט אן אלוועלטליכער פארמעסטער אין דעם פעלד.״

**SUNY צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטענלי האט געזאגט,** ״וועטעראנען, טראצדעם וואס זיי קומען פון ברייט-ארומנעמענדע געביטן אינערהאלב זייערע צווייגן פון סערוויס, טיילן מיט געוועהנטליך פילע פון די זעלבע אייגנשאפטן: אויפמערקזאמקייט צו איינצלהייטן, דיסציפלין, און דאס ווילן ארבעטן שווערער. נאכ׳ן ווידמען יארן פון זייערע לעבנס צו א ספעציפישע צאל געניטשאפטן, קען א וועטעראן מעגליך געפונען אז די געניטשאפט ווערט נישט דירעקט אריבערגעפירט צו א דזשאָב אין ציווילע לעבן. איך שטאלציר מיך צו זאגן אז מיר העלפן אריבערשפאנען דעם חסרון, אויף פולקאם אויסניצן די געשאנקען און טאלאנטן וועלכע די שטארק מאטיווירטע יחידים האבן אנצובאטן צום ניו יארק סטעיט ארבעטסקראפט. מיין דאנקבארשאפט גייט צו גאווערנער קעטי האוקול פאר אנערקענען די טאלאנטן און פאטענציעל פון אונזערע וועטעראנען, און זיי באהעפטן מיט זייער נעקסטער אויפגאבע.״

**מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט רענדי וואנוואגאנער האט געזאגט,** ״זינט 1946, אלס איינע פון פינף העכערע אינסטיטוציעס אוועקגעשטעלט אויפ׳ן באזיס פון עקספערימענט נאכ׳ן צווייטן וועלט קריג, מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש האט געדינט אמעריקאנע וועטעראנען דורך באזארגן ווערדפולע מיטלען און שטיצן זייער בילדונג ערפאלג. מיר שטאלצירן זיך צו זיין א טייל פון דעם פראיעקט און זעצן פאר ווייטער די טראדיציע פון העלפן וועטעראנען מאכן אן ערפאלגרייכער טראנזיציע צוריק אריין אין דער קאמיוניטי און זיך צוגרייטן פאר׳ן צוקונפט.״

**׳פּאָרט דראָם׳ טראנזיציע סערוויסעס פארוואלטער קרעיג עי. מעקנעמערע האט געזאגט,** ״עס איז נישט פאראן קיין בעסערע וועג צו שעצן וואס אונזערע סאלדאטן, וועטעראנען, און זייערע פאמיליעס האבן איבערגעגעבן פון זיך ווי דאס אויסריכטן זיי צו וואוינען באדייטנדע, פראדוקטיווע לעבנס נאך זייער סערוויס צו זייער לאנד. .VET S.T.E.P טוט אנבאטן באדייטנדע געלעגנהייט פאר פראפעסיאנעלע וואוקס פאר אונזערע סאלדאטן, וועטעראנען און פאמיליעס און צייגט ווערדפולע צוזאמארבעטשאפט

צווישן ניו יארק סטעיט, די 'פאָרט דראָם' טראנזיציע הילף פראגראם, SUNY, NY CREATES, און אינדוסטריע."

**אינדיום קארפארעישען טאלאנט איינקויף סופערוויייזער דזשים מעקאוי האט געזאגט,** "אינדיום קארפארעישען פריידט זיך צו זיין אן אינדוסטריע שותף מיט דעם VET S.T.E.P. קאריערע געניטשאפט פראגראם צו העלפן מיליטערישע קראפטן מיטגלידער פון איבער'ן לאנד מאכן קביעות'דיגע וואוין-ערטער אין אונזערע קאמיוניטיס. מיר האבן לעצטנס אויפגענומען צוויי סערוויס מיטגלידער פון 'פאָרט דראָם' צו אונזער טיעם און קוק ארויס צו העלפן ערפילן קאריערעס אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע דורך דער צוזאמארבעטשאפט."

**'גלאבאל פאונדריס' מענטשליכע כוחות אפעראציעס וויצע פרעזידענט מייק ליערי האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האוקול אויף די באוויליגונג פון VET S.T.E.P. אלס אן עמטליכן קאריערע געניטשאפט פראגראם. מיר שאצן די פירערשאפט, קאמוניקאציע, באשלוס-מאכן, און טעכנישע פעאיגקייטן פון מיליטערישע דינסט מיטגלידער, און דער פראגראם וועט העלפן באהעפטן העכסט-נייטיגע טרענירונג און ערפארונגען מיט אינדוסטריע צוזאמארבעטער ווי 'גלאבאל פאונדריס' אין דער צייט וואס מיר שטיצן וועטעראנען און זייערע קאריערע צילן."

**'וואלפספיד' הויפט מענטשליכע כוחות באאמטער מארגארעט טשעדוויק האט געזאגט,**
"'וואלפספיד' איז אנטשלאסן אויפצונעמען א ברייטע גרופע יחידים מיט א ברייט פארשידן-מין'יגע גרופע יחידים מיט פארשידענע ערליי הינטערגרונדן און ערפארונג. אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער אויף צו העכערן פראדוקציע ביי אונזער סיליקאָן קארבייד סעמיקאנדוקטאר פאבריצירונג איינריכטונג אין מארסי, ניו יארק, זענען פראגראמען ווי VET S.T.E.P. אינסטרומענטאל אין רעקרוטירן די בעסטע טאלאנטן. קאנדידאטן מיט א מיליטערישע הינטערגרונד זענען אן אויסגעצייכנטער צופאסונג פאר אונזער טיעם-אריענטירטע קולטור. מיר זענען באגייסטערט צו זיין איינע פון די באשעפטיגער אקטיוו פארמישט אין דעם פראגראם און איך קוק ארויס צו פארברייטערן אונזער צוזאמארבעטשאפט מיט נייע צוגאבן צו דעם טיעם."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418